# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת — האזינו – שבת שובה — כיתה ו' ז' תשע"ב לפ"ק


## דורש טוב

### שבת שובה:

דער הייליגער רבי ר' פנחס'ל קאריצער זי"ע זאגט א שיינעם טעם אויף דעם מנהג ישראל וואס איז איינגעפירט אז דער רב זאגט א דרשה שבת שובה.

דאס איז כדי עס זאל זיין **סליחה מחילה וכפרה**, ווייל פאר שבת שובה זאגט מען דאך יעדן טאג **סליחה**, און חכמינו ז"ל זאגן שוין אז בשעה שהחכם יושב ודורש הקב"ה מוחל עונותיהם של ישראל, איז דאך די שבת שובה דרשה **מחילה**, און ערב יום כיפור שלאגט מען **כפרה**.

דאס זאגט דוד המלך אין תהלים (קאפיטל קמ"ו) סומך ה' לכל הנופלים, **סומ"ך** איז ר"ת ס'ליחה מ'חילה וכ'פרה, ווייל אין די טעג גיט השי"ת די דריי זאכן, **לכל הנופלים** צו אלע וואס זענען געפאלן און דארפן אז מען זאל זיי מוחל זיין אויף די עבירות.

*

### שלשה ספרים נפתחין:

די גמרא זאגט אין מסכת ראש השנה (דף ט"ז ע"ב) אז מען עפענט ראש השנה 3 ספרים, **צדיקים, בינונים, רשעים**, **צדיקים** ווערן תיכף פארשריבן צום לעבן, **רשעים** ווערן תיכף פארשריבן צום טויט, **בינונים** בלייבן הענגן אויף א ספק ביז יום כיפור, אויב טוען זיי

## הלכות ומנהגים

### עשרת ימי תשובה

יעדן טאג פון די עשרת ימי תשובה זאגט מען לענגערע סליחות.

אין די עשרת ימי תשובה זאגט מען נאך ישתבח "שיר המעלות ממעמקים" מיטן בעל תפילה פסוק בפסוק.

במשך די עשרת ימי תשובה זאגט מען ביי די שמונה עשרה אנשטאט הא-ל הקדוש "המלך הקדוש".

אויב האט מען בטעות געזאגט הא-ל הקדוש, און מען האט זיך דערמאנט "תוך כדי דיבור" (ד.ה. אזוי לאנג ווי עס דויערט צו זאגן די ווערטער 'שלום עליך רבי ומורי') און מען האט תיכף געזאגט המלך הקדוש האט מען יוצא געווען, אבער אויב האט מען זיך דערמאנט נאך "תוך כדי דיבור" דארף מען נאכאמאל אנהייבן די שמו"ע.

אויב האט מען בטעות געזאגט אינמיטן יאר "המלך הקדוש", דארף מען נישט איבער דאווענען.

אזוי אויך זאגט מען ביי שמונה עשרה אנשטאט מלך אוהב צדקה ומשפט "המלך המשפט".

אויב האט מען בטעות געזאגט מלך אוהב צדקה ומשפט, און מען האט זיך דערמאנט "תוך כדי דיבור" זאל מען תיכף זאגן המלך המשפט, אבער אויב האט מען זיך דערמאנט נאך "תוך כדי דיבור" זאל מען נישט זאגן המלך המשפט און מען דארף נישט איבערדאווענען.

אויב האט מען בטעות געזאגט אינמיטן יאר "המלך המשפט" האט מען יוצא געווען.

מען זאגט נאך שמונה עשרה (ווען מען זאגט תחנון נאך נפילת אפים) אבינו מלכינו. פון "החזירנו בתשובה שלימה לפניך" ביז "הצמח לנו ישועה בקרוב" זאגט מען מיטן בעל תפילה.

שבת זאגט מען נישט אבינו מלכינו.

## מעשׂה רב

עס ווערט געברענגט אין רמב"ן הק' אז אין "שירת האזינו" איז מרומז אלע געשעהענישן וואס וועט פאסירן מיט יעדן מענטש באזונדער עד סוף כל הדורות, עס זענען באקאנט עטליכע סיפורים פון צדיקים וואס האבן געצייגט רמזים וואס האבן פאסירט אין זייערע צייטן וואס זענען מרומז אין שירת האזינו.

**דער רבי בעל דברי יואל זי"ע האט אמאל געשמועסט איבער דעם ענין, האט ער געצייגט אז אינעם פסוק "י'שיב ל'צריו ו'כפר א'דמתו" איז מרומז זיין נאמען "יואל", ווייל באמת איז דאך די הייליגע ערד פון ארץ ישראל זייער אנגעווייטאגט איבער דעם וואס די רשעים האבן זיך דארט באזעצט, און זיי זענען דארט עוקר די הייליגע תורה ר"ל, און זענען דארט מעביר על הדת אזויפיל אידישע קינדער, נאר אויב עס איז דא ווער עס נעמט זיך אן פאר די אדמת ארץ הקודש, עס איז דא ווער עס איז לוחם קעגן די רשעים די פורקי עול, דורך דעם טוט די ערד פארצייען אויף איר שאנד.**

**האט דער רבי אויסגעפירט "ישיב לצריו, ווען מען ענטפערט צוריק א מלחמת חרמה פאר די פיינט, פאר די משנאי ה' וואס ווילן אויסרייסן די תורה הק', וכפר אדמתו, דורך דעם טוט די ערד פארצייען אויף איר ווייטאג".**

***

**אינעם לעצטן יאר עשרת ימי תשובה פרשת האזינו תשל"ט** (ד.ה. באלד א יאר **פאר דער רבי בעל דברי יואל זי"ע איז נסתלק געווארן) איז דער משב"ק הרה"ח ר'**

תשובה ווערן זיי פארשריבן צום לעבן, אויב נישט ח"ו צום טויט.

פרעגט דער **חתם סופר** זי"ע פארוואס ברויך מען עפענען אלע 3 ספרים ראש השנה, און די בינונים זאלןווארטן ביז יוכ"פ, אויב דארף מען סיי ווי ווארטן אויף די בינונים זאל מען עפענען אלע ספרים הערשט יוכ"פ.

ענפערט דער **חתם סופר**, אז מען קען נישט משפט'ן די בינונים אינאיינעם מיט די צדיקים און רשעים, ווייל אויב וועט מען משפט'ן די בינונים מיט די צדיקים קען עס פאר זיי נישט לוינען, ווייל קעגן די צדיקים וועלן זיי אויסזעהן ווי רשעים און מ'וועט זיי דן זיין למיתה, אויב וועט מען זיי משפט'ן מיט די רשעים קען זיין א גרויסן חרון אף וועגן די שלעכטע מעשים פון די רשעים און מ'וועט זיי דן זיין צום שלעכטן.

*

דער רי"ף אין **עין יעקב** פרעגט א קשיא לכאורה פארוואס דארף מען האבן אין הימל א באזונדערע ספר פאר די **בינונים**, ממה נפשך, אויב וועלן די בינונים תשובה טון וועלן זיי דאך פארשריבן ווערן אינעם ספר פון די צדיקים, ווידער אויב וועלן זיי נישט תשובה טון וועלן זיי דאך פארשריבן ווערן אינעם ספר פון די רשעים?

ענטפערט דער **ליקוטי מהרי"ל** אז וועגן דעם דארף מען האבן א באזונדערע ספר פאר די בינונים, ווייל די גמרא זאגט אין מס' ברכות (דף ל"ד ע"ב) במקום שבעלי תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד, דעריבער דארף מען האבן א באזונדערע ספר פאר בעלי תשובה, וואס זענען גרעסער פון צדיקים (לש"ש ד"ה שובה ישראל).

*

דער **דבר המלוכה** (דף קצ"ז) ענטפערט אז ווען מען שרייבט אריין די בינונים אויף צום לעבן איז דאס נאר אויף צייטווייליג, אבער אויב ווערן זיי שפעטער אינמיטן יאר נכשל מיט א עבירה, דאן טוישט זיך זייער דין צום שלעכטן, אבער די צדיקים וואס האבן זוכה געווען ראש השנה צום לעבן, אפילו אויב זיי זינדיגן אינמיטן יאר וועט זיך נישט טוישן זייער דין, דערפאר דארפן די בינונים האבן א באזונדערע ספר כדי מען קענען טוישן.

# הילולא דצדיקיא

## רבינו הקדוש רבי אלעזר ניסן טייטלבוים זצוק"ל

### אב"ד דראהביטש

די קומענדיגע וואך דאנערשטאג עשי"ת, שלש עשרה מידות, געפאלט אויס די יארצייט פון מרן הגה"ק רבי **אלעזר ניסן טייטלבוים** זי"ע אבד"ק **דראביטש** יצ"ו.

מרן הגה"ק **רבי אלעזר ניסן** איז געבוירן געווארן אין חודש תמוז תקמ"ו אלס בן יחיד צו זיין הייליגער פאטער בעל **ישמח משה** זי"ע, און זיין מוטער הצדיקת מרת חי' שרה ע"ה בת הנגיד המפורסם ר' ניסן מפרעמיסלא.

ער האט חתונה געהאט מיט די רעביצין די צדיקת רויזא בלומא ע"ה די טאכטער פון הגה"צ רבי אהרן זצ"ל דער חאדראווער רב.

ווען מען האט אים אויפגענומען אלס רב אין **סיגעט** בשנת תקצ"ד לפ"ק, האט דער **ישמח משה** געשריבן א בריוו פאר די ראשי הקהלה ווי ער רימט אים זייער שטארק אויס, ער שרייבט אים דארט בזה"ל:

"אזוי ווי איך האב געהערט אז איר זוכט א רב און א מורה הוראה פאר אייער קהלה, וויל איך אייך לאזן וויסן אז מיין איינציגסטער זון הרב ר' **אלעזר ניסן** איז פאסיג פאר דעם פאסטן, ער איז גרויס אין לערנען ווי איינער פון די ראשונים מיט זיין חריפות און בקיאות, מיט זיין צדקות און קדושה, און כאטש א טאטע קען דאך נישט עדות זאגן אויף א קינד, אבער איך האב דא נאר אויפגעדעקט אביסל פון זיין גרויסקייט, דאס איבריגע האב איך נישט ארויסגעשריבן... איר וועט זיך נישט שעמען מיט אים נישט אויף די וועלט און נישט אויף יענע וועלט"...

עס איז אים אבער נישט באשערט געווען קיין מנוחה, און די 6 יאר וואס ער האט געוואוינט אין **סיגעט** האט ער געהאט אסאך עגמת נפש און רדיפות, ביז ווען ער איז פון דארט אוועקגעפארן און זיך באזעצט אין **דראביטש** גאליציען.

הגה"ק רבי **אלעזר ניסן** איז געווען א איש קדוש מאד, און מען האט ביי אים געזען מורא'דיגע וואונדערליכע זאכן, בעיקר האט ער גע'ירש'ענט פון זיין טאטן דעם כח פון די קמיעות, מיט וואס ער האט גע'פועל'ט אסאך ישועות פאר אידישע קינדער.

עזריאל גליק הי"ו ארייגעגאנגען אל הקודש פנימה צום רבי'נס צימער, וואו דער רבי איז געזעסן און מעביר סדרה געווען, ווען דער רבי האט געענדיגט מעביר סדרה זיין האט ער אים געזאגט "עס שטייט דאך אין רמב"ן אז יעדער איז מרומז אין שירת האזינו, וואו בין איך מרומז?"

האט ר' עזריאל געענטפערט אז עס איז שוין באקאנט וואס דער רבי זאגט אז דער רבי איז מרומז אינעם פסוק "יישיב ל'צריו ו'כפר א'דמתו" האט דער רבי זאגט, ניין איך וועל דיר זאגן וואו איך בין מרומז:

"אינעם פסוק 'ידי ו'אמרתי ח'י א'נכי ל'עולם" איז ראשי תיבות יוא"ל, אויף דעם וואס עס שטייט אינמיטן דאסווארט "חי" האט דער רבי געזאגט מיט טרערן "איך בין שוין אן אלטער איד, איך ווייס נישט וואס דער סוף וועט זיין, אבער די גמרא זאגט אויב מען זאגט נאך א דבר שמועה פון א נפטר איז שפתותיו דובבות בקבר, אז מ'וועט ארייינקוקן אין מיינע ספרים, און מ'וועט גיין אין מיינע דרכים וועט זיין "חי אנכי לעולם" איך וועל בלייבן לעבן אויף שפעטער אויך"...

יענעם יאר איז דער רבי נסתלק געווארן לעולמו.

שבת שובה, ח' תשרי תרט"ו, איז דער גרויסער צדיק וקדוש נפטר געווארן לחה"ה, און איז נטמן געווארן אויפן ביה"ח אין דראביטש.

## זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

# שירת האזינו

**די וואך ליינט מען אין די תורה די פרשה פון "שירת האזינו", וואס דאס איז איינע פון די צען שירות וואס ווערן אויסגערעכענט אין מדרש וואס איז געזאגט געווארן דורך מענטשן וואס ווערן דערמאנט אין תנ"ך** (ת'ורה נ'ביאים כ'תובים).

א) די **ערשטע שירה** האט געזאגט אדם הראשון נאכדעם וואס השי"ת האט אים מוחל געווען די עבירה וואס ער האט געגעסן פונעם עץ הדעת, די שירה איז דער קאפיטל (תהלים צ"ב) מזמור שיר ליום השבת.

ב) די **צווייטע שירה** האבן געזאגט אידישע קינדער ביים ים סוף, פון ויושע ביז כי אני ה' רופאיך (פרשת בשלח) לויבענדיג השי"ת פאר די נסים ביים ים סוף.

ג) די **דריטע שירה** האבן אידן געזאגט ביים באר, פון אז ישיר ישראל ביז סוף פרשה (פרשת חוקת) פאר די נסים וואס השי"ת האט מיט זיי געטוהן ביים נחל ארנון.

ד) די **פערטע שירה** איז שירת האזינו וואס משה רבינו האט געזאגט פאר כלל ישראל מוסר רייד אז מען זאל היטן די תורה.

ה) די **פיפטע שירה** האט יהושע בן נון געזאגט ווען עס איז געשעהן די גרויסע נס אז די זון מיט די לבנה האבן זיך אפגעשטעלט אויף 36 שעה, (יהושע י') פון אז ידבר יהושע ביז כי ה' נלחם בישראל.

ו) די **זעקסטע שירה** האבן געזאגט דבורה און ברק בן אבינועם ווען השי"ת האט איבערגעגעבן סיסרא אין זייערע הענט, (שופטים ה') פון ותשר דבורה ביז סוף פרשה.

ז) די **זיבעטע שירה** האט געזאגט חנה די מוטער פון שמואל הנביא ווען זי האט אים געבוירן (שמואל א' ב') פון ותתפלל חנה ביז וירם קרן משיחו.

ח) די **אכטע שירה** האט געזאגט דוד המלך אויף די נסים וואס השי"ת האט מיט אים געטוהן, (שמואל ב' כ"ב) פון וידבר דוד ביז לדוד ולזרעו עד עולם.

ט) די **ניינטע שירה** וואס איז "קודש קדשים", שיר השירים אשר לשלמה פון אנהייב ביזן סוף, וואס דאס האט געזאגט שלמה המלך.

י) די **צענטע שירה** איז דאס וואס אידישע קינדער וועלן זאגן ווען מען וועט זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו.

**א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר, א שנת גאולה וישועה, פאר אונזערע חשוב'ע טייערע תלמידים שיחיו, און פאר גאנץ כלל ישראל**